# דער ערשטער בּריוו צו טימאָטעאוסן

א פֿאָולוֹס, אַ שלִיח פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ לויט דעם געבאָט פֿון גאָט,
2 אונדזער גוֹאֵל, און פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער האָפֿענונג, צו
טימאָטעאוסן, מיין אֶמֶתדיק קינד אין דער אֱמונה: חֶסֶד, רַחמים,
און שָלום פֿון גאָט, דעם פֿאָטער, און פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער
3 האַר. אַזוי ווי איך האָב דיך געבעטן צו בלייבן אין עפֿעזוס,
בעת איך בין געפֿאָרן קיין מאַקעדאָניע, כּדי דו זאָלסט באַפֿעלן
4 געוויסע מענטשן, ניט צו לערנען קיין אַנדערע תּורה, און זיך
ניט צו פֿאַרנעמען מיט בָּבא־מַעשׂות און יִחוס־בריוו, וואָס האָבן
קיין סוֹף ניט, און וואָס דינען מער פֿאַר קַשיות, איידער פֿאַר
5 דער אויפֿבויאונג אין גאָט דורך אֱמונה. וואָרים דער תַּכלית פֿון
דער מצווה איז ליבע פֿון אַ ריין האַרץ און אַ גוט געוויסן און
6 אַן אֱמונה אָן צבִיעות; פֿון וואָס אייניקע האָבן זיך דערווייַטערט
7 און אָפּגעקערט צו נישטיקע דִיבּורים, בעת זיי באַגערן צו
זיין מלַמדים פֿון דער תּורה, הַגַם זיי פֿאַרשטייען ניט וואָס זיי
8 זאָגן, אָדער וואָס זיי באַהויפּטן. און מיר ווייסן, אַז די תּורה
9 איז גוט, אויב איינער באַנוצט זי ריכטיק, ווייל ער ווייסט, אַז
דאָס געזעץ איז ניט געמאַכט געוואָרן פֿאַר דעם צַדיק, נייערט
פֿאַר די אומגערעכטע און ווידער־שפּעניקע, פֿאַר די גאָטלאָזע
און זינדיקע, פֿאַר די רשָעים און אומווערדיקע, פֿאַר פֿאָטער־
10 מערדערס און מוטער־מערדערס, פֿאַר רוֹצחים, נוֹאפֿים, פֿאַר
האָמאָסעקסואַליסטן, פֿאַר שקלאַפֿן־הענדלער, פֿאַר ליגנערס,
פֿאַר פֿאַלש־שווערערס, און אויב נאָך עפּעס אַנדערש, וואָס איז
11 דער הֵיפּוך פֿון דער געזונטער לערנונג, לויט דער בשׂוֹרה טובה
פֿון דעם כָּבוד פֿון גאָט בָּרוך הוּא, וואָס איז מיר אָנפֿאַרטרויט
12 געוואָרן. איך דאַנק אים, וואָס האָט מיר געהאָלפֿן, יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ, אונדזער האַר, דערפֿאַר וואָס ער האָט מיך געהאַלטן
13 פֿאַר געטריי, און האָט מיך באַשטימט פֿאַר זיין דינונג, הַגַם איך
בין

בין פֿריִער געווען אַ לעסטערער, און אַ פֿאַרפֿאָלגער, און אַן
עַזות־פָּנים. דאָך האָט ער זיך דערבאַרעמט אויף מיר, מַחמת
14 איך האָב עס געטאָן ניט ווִיסנדיקערהייט אין אומגלויבן; און
דער חֶסֶד פֿון אונדזער האַר האָט זיך שטאַרק געמערט מיט
15 אֶמונה און ליבע, וואָס איז אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. אֶמת איז דאָס
וואָרט, און ראָוי מע זאָל עס אָננעמען, אַז יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ איז
געקומען אין דער וועלט אַריין מַציל צו זײַן זינדיקע, פֿון וועלכע
16 איך בין דער גרעסטער. דאָך צוליב דעם איז מיר אַרויסגעוויזן
געוואָרן רַחמים, כּדי אין מיר זאָל יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ קודם אַרויסווײַזן
זײַן גאַנצע געדולדיקייט, פֿאַר אַ בײַשפּיל פֿאַר די, וואָס וועלן
17 שפּעטער גלויבן אין אים צום אייביקן לעבן. און דעם אייביקן
מֶלך, דעם אומשטאַרבלעכן, אומזיכטבאַרן, דעם איינציקן גאָט,
18 זאָל זײַן כָּבוד און הערלעכקייט לעולמֵי עולמים. אָמֵן. דאָס
דאָזיקע געבאָט גיב איך איבער דיר, מײַן זון טימאָטעאוס, לויט
די נבֿואות, וואָס גייען אויף דיר, כּדי דורך זיי זאָלסטו קעמפֿן
19 דעם גוטן קאַמף, צו האַלטן די אֶמונה און אַ גוט געוויסן, וואָס
אייניקע האָבן פֿאַרשטויסן פֿון זיך און געליטן שיפֿבראָך בנוגע
20 דער אֶמונה; צו זיי געהערט הימענעאוס און אַלֶכּסַנדֶר, וועמען
איך האָב איבערגעענטפֿערט דעם שָׂטן, כּדי זיי זאָלן לערנען ניט
צו לעסטערן.

ב איך ראָט דעריבער קודם־כּל, אַז תּפֿילות, תּחנונים, בַּקָשות, און
2 דאַנקליבע, זאָלן געטאָן ווערן פֿאַר אַלע מענטשן, פֿאַר מלָכים
און אַלע, וואָס זענען דערהויבן, כּדי מיר זאָלן קענען פֿירן אַ
רויִק און שטיל לעבן אין יעדער פֿרומקייט און ערלעכקייט.
3, 4 דאָס איז גוט און אָנגענומען פֿאַר גאָט, אונדזער גואל, וואָס וויל,
אַז אַלע מענטשן זאָלן געראַטעוועט ווערן און קומען צו דער
5 דערקענטעניש פֿונעם אֶמת. וואָרים פֿאַראַן איז איין גאָט, און איין
6 מֵליץ צווישן גאָט און מענטשן, דער מענטש יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, וואָס
האָט געגעבן זײַן נֶפֿש פֿאַר אַן אויסלייזונג פֿאַר אַלע; אַן עֵדות
7 אין זײַן רעכטער צײַט. צוליב דעם בין איך באַשטימט געוואָרן

פֿאַר

פֿאַר אַן מבַשׂר און אַ שלִיח (איך זאָג דעם אֱמת, און ניט קיין
8 שְקר), אַ מלַמֵד פֿון די גויים אין אֱמונה און אֱמת. דעריבער
וויל איך, אַז די מענער זאָלן מִתפַּלֵל זיין אין יעדן אָרט, און זאָלן
9 אויפֿהייבן הייליקע הענט, אָן צאָרן און מַחלוקות. אויף דעם
זעלבן אופֿן זאָלן ווייבער זיך פּוצן אין באַשיידענער קליידונג,
מיט שעמעוודיקייט און צנִיעות, ניט מיט קיין געפֿלאָכטענע האָר,
10 אָדער גאָלד, אָדער פּערל, אָדער טייערע מַלבושים, נייערט מיט
מַעשׂים־טובים, ווי סע פּאַסט פֿאַר ווייבער, וואָס פֿירן זיך אויף
11 פֿרום. זאָל אַ פֿרוי לערנען שטילערהייט מיט דער גאַנצער
12 הַכנָעה. איך גיב אָבער ניט קיין רשות אַ פֿרוי, זי זאָל לערנען,
אויך ניט צו הערשן איבער דעם מאַן, נייערט צו זיין שטיל.
13, 14 וואָרים אָדָם איז קודם באַשאַפֿן געוואָרן, דערנאָך חַוָה. און אָדָם
האָט זיך ניט געלאָזט פֿאַרפֿירן, נייערט דאָס ווייב איז פֿאַרפֿירט
15 געוואָרן, און האָט עובֿר געווען. זי וועט אָבער נִיצול ווערן דורך
געבערן קינדער, אויב זיי וועלן בלייבן אין אֱמונה און ליבע און
הייליקייט מיט צנִיעות.

ג אֱמת איז דאָס וואָרט: אויב איינער באַגערט דאָס אַמט פֿון אַ
2 מַשגיחַ, באַגערט ער אַ גוטע זאַך. דער משגיח מוז דעריבער
זיין אָן אַ פֿעלער, דער מאַן פֿון איין ווייב, ניכטער, געלאַסן, אַן
3 עָנָו, אַ מַכנִיס־אורחַ, פֿעאיק צו לערנען. ניט קיין שִיכּור, ניט קיין
שלעגער, נייערט איידל, ניט קריגעריש, ניט קיין ליבהאָבער פֿון
4 געלט; איינער, וואָס פֿירט גוט זיין אייגן הויז, וואָס האַלט זיינע
5 קינדער געהאָרכזאַם מיר דער גאַנצער ערלעכקייט; וואָרים
אויב איינער פֿאַרשטייט ניט ווי צו פֿירן זיין אייגן הויז, וויאַזוי
6 קאָן ער זאָרגן פֿאַר דער עֵדה פֿון גאָט? ניט קיין נייער תַּלמיד,
טאָמער וועט ער זיך אויפֿבלאָזן, און וועט אַריַינפֿאַלן אין דעם
7 מִשפּט פֿון דעם שָטן. נאָך מער, ער מוז האָבן אַ גוטן שֵם ביי די,
וואָס זענען אין דרויסן, כּדי ער זאָל ניט אַריַינפֿאַלן אין קיין חַרפּה
8 און אין דער נעץ פֿון דעם שָטן. אויף דעם זעלבן אופֿן דאַרפֿן
געהילפֿן זיין ערנצט, ניט קיין כּזב־ושקר, ניט איבערגעגעבן
צו

9 צו קײן סך װײַן, ניט זשעדנע נאָך מיאוסן געװינס; װאָס האַלטן
10 דעם סוד פֿון דער אֱמונה אין אַ רײנעם געװיסן. און אױך די
דאָזיקע זאָלן קודם אױסגעפּרוּװט װערן; דערנאָך זאָלן זײ דינען
11 װי געהילפֿן, אױב זײ זענען אָן אַ פֿעלער. אױף דעם זעלבן אופֿן
דאַרפֿן די װײַבער זײַן ערנצט, ניט קײן רכילות־טרײַבערינס,
12 ניכטער, געטרײַ אין אַלצדינג. געהילפֿן זאָלן זײַן מענער פֿון אײן
פֿרױ, און פֿירן גוט זײערע קינדער און זײערע אײגענע הײַזער.
13 װאָרים די, װאָס האָבן גוט געדינט װי געהילפֿן, געװינען פֿאַר זיך
אַ גוטע שטעלונג, און גרױס מוטיקײט אין דער אֱמונה, װאָס איז
14 אין ישוע המשיח. די דאָזיקע זאַכן שרײַב איך דיר, װײַל איך
15 האָף צו קומען צו דיר בקרוב, און אױב איך װעל מיך פֿאַרזאַמען,
זאָלסטו װיסן, װיאַזױ מע זאָל זיך באַנעמען אין דעם הױז פֿון גאָט,
װאָס איז די עדה פֿון דעם לעבעדיקן גאָט, דער זײַל און יסוד פֿון
16 דעם אֱמת. בלי־ספֿק, גרױס איז דער סוד פֿון דער פֿרומקײט:
ער איז אַנטפּלעקט געװאָרן אין דעם פֿלײש, גערעכטפֿאַרטיקט
אין דעם גײַסט, באַװיזן צו מלאָכים, געדרשענט געװאָרן צװישן
די גױים, געגלױבט אין דער װעלט, אַרױפֿגענומען געװאָרן אין
הערלעכקײט.

ד דער גײַסט אָבער זאָגט בפֿירוש, אַז אין די לעצטע צײַטן
װעלן עטלעכע אַװעקפֿאַלן פֿון דער אֱמונה, און װעלן שענקען
אױפֿמערקזאַמקײט צו פֿאַרפֿירערישע גײַסטער און לערנונגען
2 פֿון שדים, דורך דער חניפֿה פֿון מענטשן, װאָס רעדן ליגנס,
אױסגעבערנט אין זײער אײגן געװיסן װי מיט אַ הײס אײַזן;
3 זײ אַסרן חתונה צו האָבן און באַפֿעלן זיך צוריקצוהאַלטן פֿון
שפּײַזן, װאָס גאָט האָט באַשאַפֿן, זײ זאָלן אָנגענומען װערן
מיט דאַנק פֿון די, װאָס גלױבן און פֿאַרשטײען דעם אֱמת.
4 װאָרים יעדע באַשעפֿעניש פֿון גאָט איז גוט, און קײן זאַך
דאַרף ניט פֿאַרװאָרפֿן װערן, אױב סע װערן אָנגענומען מיט
5 דאַנק; װאָרים סע װערט געהײליקט דורך דעם װאָרט פֿון גאָט
6 און תּפֿילה. אױב דו װעסט דאָס פֿירלײגן פֿאַר די ברידער,

ווערסטו זיין אַ גוטער דינער פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, גענערט אין די
ווערטער פֿון דער אֶמונה און פֿון דער גוטער לערנונג וואָס דו
7 ביסט נאכגעפֿאָלגט. אָבער פֿאַרמייד אומווערדיקע מיטאָסן און
8 בָּבֿא־מַעשׂות. און איב דיך אין פֿרומקייט; וואָרים קערפּערלעכע
אויסבילדונג איז פֿון קליינעם נוצן; פֿרומקייט אָבער איז נוצלעך
פֿאַר אַלצדינג, ווייל זי האָט די הַבטָחה פֿון דעם איצטיקן לעבן,
9 און פֿונדעם, וואָס וועט קומען. אֶמת איז דאָס וואָרט, און ווערט
10 איז עס מע זאָל עס מקַבל זיין. וואָרים צוליב דעם מיִען מיר
זיך און קעמפֿן, מַחמת מיר האָבן געזעצט אונדזער האָפֿענונג
אויף דעם לעבעדיקן גאָט, וואָס איז דער גואֵל פֿון אַלע מענטשן,
11 בִּפֿרַט פֿון די, וואָס גלויבן. די דאָזיקע זאַכן באַפֿעל און לערן.
12 זאָל קיינער ניט פֿאַראַכטן דיין יוגנטלעכקייט, נייערט זיי אַ
ביישפּיל פֿאַר די, וואָס גלויבן, אין וואָרט, אין לעבנסשטייגער,
13 אין ליבע, אין אֶמונה, אין לויטערקייט. ביז איך קום, גיב אַכטונג
14 אויף לייענען, אויף מוסר, אויף לערנען. האַלט ניט גרינג די
מַתָנה, וואָס איז אין דיר, און וואָס איז דיר געגעבן געוואָרן דורך
15 נבֿואה און מיט דער סמיכה דורך די זקֵנים. זאָרג דיך פֿאַר
די דאָזיקע זאַכן, און גיב דיך אין גאַנצן איבער צו זיי, כּדי דיין
16 אַנטוויקלונג זאָל פֿון אַלעמען געזען ווערן. גיב אַכטונג אויף דיר
און אויף דער לערנונג; פֿאַרבלייַב אין די דאָזיקע זאַכן, וואָרים
אין טאָן דאָס, וועסטו מַציל זיין סיי דיך, און סיי די, וואָס הערן דיך.
ה זאָלסט דיך ניט בייזערן אויף אַ זָקן, נייערט זיי אים מַזהיר
2 ווי אַ פֿאָטער; די יינגערע מענטשן ווי ברידער, די עלטערע
ווייבער ווי מוטערס, די יינגערע ווי שוועסטער, מיט דער גאַנצער
3 לויטערקייט. גיב אָפּ כָּבוד צו אַלמָנות, וואָס זענען באֶמת
4 אַלמָנות. אויב אָבער אַן אַלמָנה האָט קינדער, אָדער אייניקלעך,
זאָלן זיי ראשית לערנען אַרויסצואווייַזן פֿרומקייט לגבי זייער
אייגענער מִשפָּחה, און צו פֿאַרגעלטן זייערע עלטערן; וואָרים
5 דאָס איז אָנגענומען פֿאַר גאָט. און די, וואָס איז אַן אֶמתע אַלמָנה,
און איז איינזאַם, האָט געזעצט איר האָפֿענונג אויף גאָט, און

6 האַלט אין איין בעטן און תּפילה טאָן טאָג און נאַכט. די אָבער,
7 וואָס גיט זיך איבער צו תּענוגים, איז לעבעדיק טויט. און דאָס
8 זאָלסטו באַפעלן, כּדי זיי זאָלן זיין אָן אַ פעלער. אויב אָבער
עמיצער זאָרגע ניט פאַר זיינע קרובים, און בפרט פאַר זיין אייגן
הויזגעזינד, האָט ער פאַרלייקנט די אֶמונה, און איז ערגער ווי אַן
9 אומגלויביקער. אַן אַלמָנה זאָל מען פאַרצייכענען יענע, וואָס
איז ניט ווינציקער פון זעכציק יאָר אַלט, און וואָס איז געווען
10 דאָס ווייב פון איין מאַן, וואָס האָט אַ שֵׁם פאַר מַעשים־טובים,
וואָס האָט מגדל געווען קינדער, האָט אויפגענומען אורחים, האָט
געוואַשן די פיס פון די הייליקע, האָט געהאָלפן די געליטענע,
11 און האָט זיך עוסק געווען אין מַעשים־טובים. ייִנגערע אַלמָנות
אָבער זאָלסטו אָפּזאָגן; וואָרים בעת זיי ווערן פאַרשייַט קעגן
12 מָשיחַן, באַגערן זיי חַתונה צו האָבן, און ווערן פאַרמִשפּט,
13 מַחמת זיי האָבן פאַרוואָרפן זייער ערשטע התחייבות. דערביי
לערנען זיי זיך אויך צו זיין פויל, בעת זיי גייען אַרום פון הויז
צו הויז; און ניט נאָר פויל, נייערט אויך פלאַפלערינס און
14 קאָכלעפל, און רעדן וואָס מע טאָר ניט. איך וויל דעריבער,
אַז די ייִנגערע אַלמָנות זאָלן חַתונה האָבן, האָבן קינדער, פירן
די באַלעבאַטישקייט, און ניט געבן קיין געלעגנהייט דעם שׂונא
15 אויף צו לעסטערן; וואָרים עטלעכע האָבן שוין לאַנג אָפּגעקערט
16 נאָך דעם שָׂטן. אויב אַן אִשה, וואָס גלויבט, האָט אַלמָנות, זאָל
זי זיי שטיצן, און זאָל די קהִילה ניט ווערן באַשווערט, כּדי זי זאָל
17 קאָנען שטיצן די וואָס זענען באמת אַלמָנות. די זקֵנים, וואָס פירן
גוט, זאָלן געהאַלטן ווערן פאַר רָאוי פון טאָפּלטן כָּבוד, בפרט
18 יענע, וואָס מיִען זיך אין דעם וואָרט פון גאָט און אין לערנונג.
וואָרים דער פּסוק זאָגט: זאָלסט ניט פאַרבינדן אַן אָקס דאָס
מויל, בעת ער דרעשט. און: דער אַרבעטער איז ווערט זיין
19 לוין. נעם ניט אָן קיין באַשולדיקונג קעגן אַן עלטסטן, סיידן לויט
20 צוויי, אָדער דריי עֵדות. די, וואָס זינדיקן, שטראָף עפנטלעך, כּדי
21 די איבעריקע זאָלן אויך מורא האָבן. איך באַפעל דיר פאַר

גאָט

גאָט און יֵשוּעַ הַמָשִיחַ און די אויסדערוויילטע מַלאָכים, אַז דו
זאָלסט אָפּהיטן די דאָזיקע זאַכן אָן פֿאָראורטייל, און גאָרניט טאָן
22 דורך פּאַרטייִלעכקייט. גיב קיינעם ניט איילִיק די סמִכַת־ידים,
און האָב אויך ניט קיין חֵלֶק אין אַנדערע מענטשנס זינד; האַלט
23 דיך ריין. טרינק ניט מער קיין וואַסער, נייערט נוץ אַבִּיסל וויין
24 פֿון דיין מאָגן־וועגן און דיינע אָפֿטע שלאַפֿקייטן. די זינד פֿון
עטלעכע מענטשן זענען קלאָר אַנטפּלעקט, און גייען פֿאָרויס
25 צום מִשפּט, אָבער עטלעכע מענטשן פֿאָלגן זיי נאָך. אַזוי אויך
זענען די מַעֲשׂים־טובים קלאָר אַנטפּלעקט, און אַזוינע, וואָס
זענען אַנדערש, קענען ניט פֿאַרבאָרגן ווערן.
ו אַלע, וואָס זענען קנעכט אונטער דעם יאָך, זאָלן האַלטן זייערע
אייגענע האַרן פֿאַר רָאוי פֿון יעדן כָּבוד, כּדי דער נאָמען פֿון
2 גאָט און די לערנונג זאָלן ניט געלעסטערט ווערן. און די,
וואָס האָבן האַרן מַאמִינים, זאָלן זיי ניט פֿאַראַכטן, מַחמת זיי
זענען ברידער, נייערט לאָזן זיי דינען זיי נאָך בעסער, מַחמת
די, וואָס נעמען טייל פֿון דעם געווינס, זענען גלויביק און
3 באַליבט. דאָס דאָזיקע זאָלסטו לערנען און ראָטן. אויב
עמיצער טוט לערנען אַן אַנדערע לערנונג, און איז ניט מַסכּים
צו די געזונטע רייד פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און צו דער
4 לערנונג, וואָס איז לויט דער פֿרומקייט, איז ער אויפֿגעבלאָזן
און ווייסט גאָרניט, נייערט מאַכט זיך נאַריש מיט שַאלות און
סִיכסוכים פֿון רייד, פֿון וועלכע סע קומען אַרויס קִנאה, מַחלוקות,
5 לעסטערונגען, בייזע חשדים, וויכּוחים פֿון מענטשן, וואָס זענען
פֿאַרדאָרבן אין פֿאַרשטאַנד און באַרויבט פֿון דעם אֶמת, וואָס
6 מיינען, אַז פֿרומקייט איז אַ מיטל פֿאַר געווינס. פֿרומקייט מיט
7 צופֿרידנקייט איז טאַקע אַ גרויס געווינס; וואָרים מיר האָבן
גאָרניט אַרייַנגעבראַכט אין דער וועלט, און מיר קענען אויך
8 גאָרניט אַרויסטראָגן; האָבן מיר אָבער שפּייַז און אַ צודעק,
9 דאַרפֿן מיר זיין מיט דעם צופֿרידן. די אָבער, וואָס זענען גענייגט
צו זיין רייך, פֿאַלן אַריין אין אַ נִסָיון און אין אַ נעץ און אין אַ
סך

סך נאַרישע און שעדלעכע תּאוות, אַזעלכע, וואָס דערטרינקען
10 מענטשן אין צעשטערונג און פֿאַרדאַרבעניש. וואָרים די ליבע
צו געלט איז דער שורש פֿון אַלע מינים שלעכטס, און יאָגנדיק
זיך דערנאָך, זענען עטלעכע אַראָפּגעפֿירט געוואָרן פֿון דער
11 אמונה, און האָבן זיך דורכגעשטאָכן מיט אַ סך ווייטיקן. דו
אָבער, אָ מענטש פֿון גאָט, אַנטרין פֿון די דאָזיקע זאַכן; און
גיי נאָך רעכטפֿאַרטיקייט, פֿרומקייט, אמונה, ליבע, סבלנות,
12 ענִיוות. קעמף דעם גוטן קאַמף פֿון דער אמונה, כאַפּ דיך אָן
אין דעם אייביקן לעבן, צו וועלכן דו ביסט באַרופֿן געוואָרן, און
13 האָסט אָפּגעלייגט אַ גוט עדות פֿאַר אַ סך עדות. איך באַפֿעל
דיר פֿאַר גאָט, וואָס גיט לעבן צו אַלצדינג, און פֿאַר ישוע
המשיח, וואָס האָט פֿאַר פּאָנטיוס פּילאַטוס אָפּגעלייגט אַ גוט
14 עדות, אַז דו זאָלסט אָפּהיטן די מצוה, אָן אַ פֿלעק, און אָן אַ
פֿעלער, ביז דער דערשיינונג פֿון אונדזער האַר ישוע המשיח,
15 וואָס וועט באַווייזן אין זיין אייגענער צייט ווער סאַיז דער
געבענטשטער און איינציקער געוועלטיקער, דער מלך המלכים,
16 און אדון האדונים, וואָס נאָר ער אַליין האָט אומשטאַרבלעכקייט,
און וואוינט אין ליכט, וואָס קיינער קאָן דערצו ניט צוקומען,
וועמען קיין מענטש האָט ניט געזען און קאָן ניט זען; אים
17 געהערט דער כבוד און די גבורה לעולם ועד. אָמן. די רייכע
פֿון דער היינטיקער וועלט זאָלסטו באַפֿעלן, אַז זיי זאָלן ניט
זיין גדלנים, און אויך ניט שטעלן זייער האָפֿענונג אויף דער
אומזיכערקייט פֿון עשירות, נייערט אויף גאָט, וואָס גיט אונדז
18 אַלץ די־והותר צום געניסן; אַז זיי זאָלן טאָן גוטס, און זיין רייך
19 אין מעשים־טובים, גרייט מנדב צו זיין און מיטצוהעלפֿן, און זיך
אָנזאַמלען אַ גוטן יסוד לעתיד לבוא, כדי זיי זאָלן זיך דערלאַנגען
20 דאָס אמתדיקן לעבן. אָ טימאָטעאוס, היט אָפּ דאָס, וואָס איז
דיר איבערגעענטפֿערט געוואָרן, און ווייַך אויס אומווערדיקע
פֿלאַפּלערייַען און סיכסוכים פֿון דעם, וואָס ווערט בדרך טעות
21 אָנגערופֿן חכמה, וואָס עטלעכע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דעם,
האָבן

האָבּן געמאַכט אַ טָעות בנוגֵע דער אֶמוּנה. דער חֶסֶד זאָל זײַן מיט אײַך.